פרשת חיי שרה ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון כ"ז ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר בראשית
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

## בך בטחתי

### כי הוא הנותן לך;
דער רבוש"ע טיילט אויס שפע אָן קיין שייכות מיט השתדלות

יום ג' ואתחנן י"ב אב תשע"ט

א

## יערב לכם מכאן ואילך; דאָס נעימות און געשמאַק פון בטחון

### די פסוקים פון אהבה בעפאָר דעם ציווי פון 'אנכי ה' אלקיך'

בעפאָר אידן זענען צוגעגאַנגען צום מעמד פון מתן תורה איז דאָ זייער האַרציגע פסוקים אין פרשת יתרו, וואו דער רבוש"ע איז מקרב אידישע קינדער און ער זאָגט זיי: "**ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש**", און רש"י אויפ'ן פלאַץ טייטשט: "**ועתה, אם עתה תקבלו עליכם, יערב לכם מכאן ואילך.**" - איר וועט האָבן אַ באַ'טעמ'טע לעבן כפשוטו אויך אויף דער וועלט! איר וועט האָבן סיי עולם הזה און סיי עולם הבא! דער רבוש"ע זאָגט אונז אַזעלכע שטאַרקע דיבורים פון אהבה מיט אַזויפיל חביבות און נאָנטקייט. והייתם לי סגולה!

נאָכדעם, ווען דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן די תורה איז די ערשטע דיבור געווען: "אנכי ה' אלקיך", וואָס אין די ספרים הק' איז מבואר אַז אין דעם ערשטן דיבור איז כלול די גאַנצע תורה, אַלע תרי"ג מצוות, ווייל **אַלע 613 מצוות האָט איין תכלית, צו באַקומען אַ בעסערע הבנה אין דעם 'אנכי ה' אלקיך'!**

### השי"ת האָט אונז געגעבן די מצוה פון בטחון מיט אַזויפיל חביבות

אַ חלק פון די ראשונים לערנען אַז **די מצוה פון בטחון איז אַ חלק פון דעם ציווי 'אנכי ה' אלקיך'**; ווייל אויב אַ מענטש האָט די ריכטיגע אמונה אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט וואָס פירט אַלעס; אויב דער מענטש דערהערט עס קלאָר און נעמט עס אַריין אין מח; ברענגט דאָס אַז ער זאָל זיך גענצליך בוטח זיין אין דעם אויבערשטן, ווייל **ער ווייסט אַז השי"ת פירט אַלעס און ס'איז נישטאָ קיין שום כח וואָס קען אים אפילו צוהעלפן!** דאָס מאַכט דעם מענטש רואיג און ער פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויפ'ן באַשעפער.

איבערהויפט אַז אַ חלק פון די אמונה איז ווען אַ איד ווייסט אַז דער רבוש"ע איז 'טוב ומטיב', עס קומט אַרויס פון אים בלויז גוטע זאַכן, קען דער מענטש זיך בוטח זיין מיט אַ זיכערקייט.

דאָס האָט אונז דער רבוש"ע געזאָגט נאָך איידער מתן תורה, אַז **אויב איר גייט מקבל זיין דעם 'אנכי ה' אלקיך', וועט אייך פשוט זיין באַ'טעמ'ט און געשמאַק!** עס לוינט זיך צו מקבל זיין די תורה, נישט בלויז ווייל מיר זענען 'נבראים' און דער רבוש"ע איז דער 'בורא', נאר אויך **ווייל דאָס גייט אונז זיס מאַכן דאָס לעבן!** "הבוטח בה' חסד יסובבנו" - אַ איד וואָס לעבט מיט אמונה איז אַרומגענומען מיט חסד! ער האָט אַ געשמאַקע לעבן אָן קיין שום דאגות און פראָבלעמען!

> **אַ איד וואָס לעבט מיט אמונה איז אַרומגענומען מיט חסד! ער האָט אַ געשמאַקע לעבן אָן קיין שום דאגות און פראָבלעמען!**

### 'בטחון' איז די בעסטע זאַך, עס פעלט ניטאַמאָל אויס קיין 'כפה עליהם הר'

דער אויבערשטער וואָלט ווען געקענט געבן די ערשטע מצוה פון 'אנכי' אויף אַן אופן פון 'כפה עליהם הר כגיגית' - אַזוי ווי ס'איז טאַקע געווען פאר מתן תורה. דער רבוש"ע וואָלט געקענט צוגיין צו די גאַנצע קבלת התורה אַז: "בטחון איז די ערשטע און וויכטיגסטע מצוה, און אָך און וויי אויב איינער וועט דאָס נישט מקיים זיין". דאָס איז אודאי אויך אמת לאמיתו! אָבער דער רבוש"ע האָט געזאָגט: **פאַרוואָס דאַרף מען רעדן פון יענע חלק?! מען קען דאָך צוגיין צו בטחון מיט אַזאַ אהבה! מען קען דאָך רעדן די פשוט'ע מציאות אַז דער אויבערשטער האָט אַזוי ליב כלל ישראל מיט די טיפסטע אהבה!**

דער אויבערשטער רעדט צו די קינדער פון די אבות הק' און ער גיט זיי די מצוה פון 'אנכי', וואָס איז כולל די ציווי פון 'בטחון', פאַרוואָס פעלט אויס צו רעדן פון אַנדערע זאַכן?! **מ'גייט זיי געבן די בעסטע און געשמאַקסטע זאַך,**

**פאַרוואָס דאַרף מען בכלל רעדן פון צווינגען?!**

די ראשונים רעדן אַרום טעמים פאַרוואָס שפּעטער האָט אויסגעפּעלט אַז ס׳זאָל יאָ זיין ׳כפה עליהם הר כגיגית׳, און ס׳איז דאָ דערויף אַסאַך תירוצים, אָבער **קיינער פרעגט נישט און מ׳דאַרף נישט פאַרענטפערן פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה מיט אַזאַ אהבה**, ווייל דער אויבערשטער האָט אונז פּשוט געזאָגט דעם אמת: **ווער ס׳וועט זיך מדבק זיין צום רבוש״ע, ווער ס׳וועט לעבן מיט בטחון, אין סיי וועלכע מצב, וועט עס זיין ״יערב לכם״ - ס׳וועט אים זיין זיס און געשמאַק!**

## בטחון איז די בעסטע עצה צו באַקומען דאס מאַקסימום גוטס

לעצטנס האָט אַ איד מעורר געווען אויף דעם וואָס מ׳רעדט אַסאַך ביי די אמונה שיעורים איבער די גרויסע טוב וואָס מען קען באַקומען דורך ריכטיגע בטחון, כאילו בטחון איז עפּעס אַן עצה וויאַזוי מ׳קען אָנקומען צו עפּעס. דער איד טענה׳ט אַז בטחון איז דאך אַ מצוה און מען דאַרף דאָס אָפּלערנען ריכטיג, נישט אויף קיין קינדערישע אופן, אַז אַ מענטש וויל עפּעס האָבן און ער נוצט בטחון כדי דאָס צו קענען באַקומען.

דער איד איז אודאי גערעכט, אָבער ס׳איז אויך אמת אַז אויב מ׳וויל משכנע זיין דעם גוף אַז ער זאָל מסכים זיין צו מיטאַרבעטן מיט דעם מהלך, אַז ביי אַלע זיינע פּראָבלעמען וואָס קוועטשן אים זאָל ער זיך מרגיל זיין צו לעבן מיט בטחון, זאָגט מען אים: **די בעסטע עצה אויף אַלע דיינע ווייטאָגן איז אמונה און בטחון!**

מ׳זעט דאָך אַז דאָס איז אויך די מהלך פון דער תורה הק׳. **דער רבוש״ע האָט אונז מבטיח געווען ״יערב לכם״ אַז ס׳וועט זיין זיס, ווייל דאָס איז דער אמת און אַזוי גייט מען אַריין אין דער וועלט פון בטחון.** שפּעטער ווען דער מענטש האָט שוין אַזאַ געשמאַק אין דעם ענין פון בטחון איז אים שוין שווער צו הערן אַז די גאַנצע זאַך איז בלויז כדי צו באַקומען עפּעס גשמיות׳דיגע הנאות, אָבער אין אָנהויב גייט עס יאָ אויף אַזאַ סאָרט אופן.

## יעדער האָט בטחון; די שאלה איז אויף וועמען...

ווען מען רעדט פון בטחון איז דאָ אַ וויכטיגע נקודה וואָס מען דאַרף אַסאַך אַרבעטן כדי דאָס צו קונה זיין ריכטיג. אַסאַך מענטשן האָבן אַ טעות דערינען און אפילו אויב מען גלייבט עס יאָ, פאָדערט עס אַ גרויסע יגיעה אַז מ׳זאָל דאָס באמת שפּירן אין האַרץ.

דער ׳חובת הלבבות׳ אין זיין הקדמה זאָגט דעם יסוד אַז: ״**יעדער איינער האָט בטחון**!״ ס׳איז נישט שייך אַז אַ מענטש זאָל לעבן דאָ אויף דער וועלט אָן קיין בטחון! די פּראָבלעם איז נאָר אַז מען איז זיך בוטח אויף די נישט ריכטיגע זאַכן.

**וויאַזוי זאָל קומען די שפע?! דאָס איז שוין נישט זיין עסק! ער פאַרלאָזט זיך גענצליך אַז דער רבוש״ע וועט דאָס מחליט זיין!**

דאָס מציאות איז אז איינער וואָס איז זיך נישט בוטח בה׳ איז אויטאָמאַטיש בוטח אין עפּעס אַנדערש! **ווען אַ מענטש שטייט אויף אינדערפרי און הייבט אן טון זאַכן איז פּשט דערפון אַז ער האָט בטחון אין עפּעס!** ער איז זיך בוטח - אָדער אין זיינע אייגענע כוחות און כשרון אָדער אין אַנדערע מענטשן!

## בטחון אין השתדלות ברענגט אַז ס׳זאָל נישט זיין קיין הצלחה

דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז ווען מען איז זיך בוטח אין אַנדערע זאַכן ברענגט דאָס אליינס אַז מען זאָל חלילה נישט מצליח זיין. ווייל אַז דו פאַרלאָזט זיך אויף עפּעס אַנדערש האָסטו אָפּגעהאַקט דיין שייכות פון דעם אויבערשטן. דאָס ווערט די גרעסטע סיבה אַז צום סוף זאָל מען נישט האָבן קיין הצלחה.

דער ׳חובת הלבבות׳ ברענגט דערויף עטליכע ביישפּילן, צו אויפווייזן אַז אפילו אויב אין אָנהויב קען זיך דוכטן אַז די מענטשן וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זייער חכמה און כשרון האָבן יאָ אַ הצלחה, **אָבער ווען מען קוקט זיך גוט אום אויפ׳ן גאַנצן בילד, אויך שפּעטער, אַרום און אַרום, זעט מען אַז די הצלחה איז נישט געווען קיין אמת׳ע, ס׳איז בלויז געווען אַ ׳הצלחה מדומה׳!**

פון דעם לשון אין ׳חובת הלבבות׳ זעט מען קלאָר אַז **מען טאָר זיך נישט בוטח זיין אפילו אויף אַ השתדלות וואָס איז מותר און מען איז מחיוב דאָס צו טון!** אַ מענטש דאַרף טאַקע טון השתדלות אָבער **מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן דערויף**, ווייל השתדלות העלפט נישט גאָרנישט! ס׳איז בלויז אַ תנאי וואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן אַז מ׳דאַרף עס טון.

די בליק פון דער וועלט איז כאילו די השתדלות איז אַ ׳צינור׳ וואָס מאַכט אַז די שפע זאָל קומען דורכדעם, **אָבער דער ׳חובת הלבבות׳ זאָגט אַז דאָס איז אַ גרויסער טעות!** און אויב מען לעבט אין דעם טעות, מען רעדט זיך איין אַז די השתדלות קען עפּעס העלפן, וועט דאָס שטערן די הצלחה, ווייל דער מענטש איז זיך בוטח אין אַ צווייטע זאַך, נישט אין השי״ת!

## נישט מאַכן קיין עסק פון דעם ׳וועג׳ וויאַזוי די שפע איז געקומען

לאָמיר זען די הייליגע ווערטער פון דעם חובת הלבבות (שער הבטחון, פרק ד׳): ״**וכן בעלי המלאכה והסחורה והשכירות מצווין לחזר על הטרף בהם, עם הביטחון באלוקים, כי הטרף בידו ורשותו, ושהוא ערב בו לאדם ומשלימו לו באיזו סיבה שירצה. ואל יחשוב כי הסיבה תועילהו או תזיקהו מאומה. ואם יבוא לו טרפו** (צרכי פרנסתו) **על פנים** (על אופן) **מאופני הסיבות, אשר התעסק בהם, ראוי לו שלא יבטח על הסיבה ההיא וישמח בה ויוסיף להחזיק בה ויטה לבו אליה, כי יחלש ביטחונו באלוקיו. אך אין ראוי לו לחשב כי תועילנו יותר ממה שקדם בדעת הבורא, ואל ישמח בהדבקו בה וסיבובו עליה, אך יודה הבורא אשר הטריפו אחר יגיעתו ולא שם עמלו וטרחו לריק, כמו שכתוב: יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך.**״

דער חובת הלבבות זאָגט אונז דאָ אַז אַ מענטש איז באַפוילן געוואָרן צו עוסק זיין אין מלאכה אָדער אין סחורה, מ׳דאַרף טאַקע טון השתדלות פאר פּרנסה; **אָבער מען טאָר נישט טראַכטן אַז די השתדלות האָט אים עפּעס געהאָלפן אָדער עפּעס געשאַדט!** אויב מען באַקומט פּרנסה דורך אַ געוויסע השתדלות טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן דערויף, מען טאָר נישט מאַכן קיין עסק דערפון, **ווייל עס איז בכלל נישט נוגע דורך וועלכע וועג די שפע איז אָנגעקומען!** מען זאָל בלויז דאַנקן און לויבן דעם אויבערשטן וואָס האָט אים געגעבן די הצלחה און האָט נישט געלאָזט אַז ער זאָל זיך פּלאָגן פאר גאָרנישט.

## דער בעל שמחה וואָס איז פאַרנומען אַהאַלבע שעה מיט דעם ׳וועג׳...

אַ מענטש איז אָנגעקומען צו אַ שמחה און דער בעל שמחה טרעפט אים: ״אָה, מזל טוב! יישר כח פאַר׳ן קומען! דורך וועלכע וועג ביזטו געקומען?!״ זאָגט דער מענטש אַז ער ווייסט נישט פּונקטליך, ער האָט נישט אַזוי מעיין געווען דערינען, און באמת וואָס איז דען אַ חילוק, דער עיקר איז אַז ער אָנגעקומען צו דער שמחה און ער וויל זיך מיטפרייען און אַרויסגיין אין אַ טענצל.

אָבער דער מחותן לאָזט נישט נאָך: ״**ניין, ניין, דו מוזט מיך פאַרציילן, דורך וועלכע גאס ביזטו דורכגעפאָרן?! וואו האָסטו גענומען אַ רעכטס און וואו האָסטו זיך געדרייט לינקס?!**״ אַזוי פאַרברענגט ער אַ האַלבע שעה פון דער שמחה צו הערן גענוי וועלכע וועג יענער האָט גענוצט. ער איז אינגאַנצן איבערגענומען צו הערן אַלע פּרטים וויאַזוי מ׳איז אָנגעקומען צום זאַל...

### אַז מען איז פאַרנומען "וויאַזוי" איז דאָס אַ חסרון אין בטחון

זאָגט אונז דער חובת הלבבות אַז די זעלבע נאַרישקייט טוען מענטשן וואָס ווערן צוגעבינדן עמאָציאָנאַל צו דעם 'וועג' וויאַזוי זיי באַקומען זייער פרנסה!

מען זעט אמאל א מענטש וואס האט א געוויסע חוש צו אַ געוויסע זאַך - לויט די כלים וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן - און ער איז טאַקע מצליח דערמיט צו אַהיימברענגען פרנסה, ווערט דאָס אַ חלק פון זיין מהות! **פאַרוואָס זאל דאָס אַזוי זיין?!**

אודאי דאַרף מען טון די השתדלות, ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט די בריאה - און ס'איז דאָ אַסאַך טעמים דערויף ווי דער חובת הלבבות רעדט אַרום - אָבער אויב אַ מענטש פריידט זיך דערמיט און ער פאַרלאָזט זיך דערויף, ווערט ער צוביסלעך איבערצייגט אַז דאָס איז זיין אָפּציע צו באַקומען פרנסה; ער הייבט זיך אָן צו איינרעדן אַז ער האָט אַ געוויסע כשרון וואָס קיינער האָט נישט און דאָס ברענגט אים זיין הצלחה, אָבער באמת פאַרלירט ער דורכדעם זיין בטחון אַז אַלעס קומט פון דעם אויבערשטן!

דער חובת הלבבות לערנט אונז אַ קלאָרע מהלך: מען קען און מען דאַרף ווייטער טון די ריכטיגע השתדלות, אָבער מען טאָר זיך נישט פרייען דערמיט! ווען מען איז מצליח זאָל מען נישט רעדן און טראַכטן פון דעם וועג "וויאַזוי" מען האָט באַקומען די שפע, נאר מען זאָל רעדן און טראַכטן אַז דער רבוש"ע האָט מיך געהאָלפן - **"כי הטרף בידו ורשותו, ושהוא ערב בו לאדם ומשלימו לו באיזו סיבה שירצה."**

ב

## ברוך הגבר אשר יבטח בה'; אַ ריכטיגער בוטח בה' איז געבענטשט

### וואָס איז דער מיטל - וועג צווישן 'ברוך' און 'ארור'?

אין די דברי נבואה פון ספר **ירמי'** איז דאָ צוויי פסוקים איינס נאָך די אַנדערע וואָס רעדן וועגן בטחון. די ערשטע פסוק זאָגט: "**ברוך הגבר אשר יבטח בה' והיה השם מבטחו**" - געבענטשט זאָל זיין דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף'ן אויבערשטן. און אין די צווייטע פסוק שטייט: "**ארור הגבר אשר יבטח באדם וְשָׂם בשר זרועו ומן ה' יסור לבו**" - געשאָלטן זאָל זיין דער וואָס טראַכט אַז די סדר פון טבע קען אים העלפן.

לכאורה איז דאָס דאָס צוויי עקסטרעמע עקן וואָס זענען זייער ווייט איינס פון די אַנדערע; אַז מען האָט בטחון איז מען אַ 'ברוך' און אַז מען האָט נישט קיין בטחון איז מען אַן 'ארור', איז דען נישטא קיין קיין מיטלוועג?! איינער וואָס איז נישט קיין 'ברוך' אָבער אויך נישט קיין 'ארור'?!

### זיך פאַרלאָזן אויף די פרנסה מיטל איז אַ חסרון אין בטחון

זאָגט דער **מלבי"ם** אַז ס'איז טאַקע יאָ דאָ אַ מיטל - וועג: **איינער וואָס גלייבט אַז פרנסה קומט פונעם אויבערשטן אָבער ער איז זיך בוטח אַז דער רבוש"ע וועט אים געבן זיין געלט דורך אַ געוויסע וועג!**

אַזאַ מענטש בעט טאַקע פרנסה פון דעם אויבערשטן, אָבער ער בעט דירעקט אויף די ספּעציפישע פרנסה וואָס ער גלייבט אַז דוקא פון דאָרט וועט קומען זיין הצלחה... אויב דאַרף ער טויזן זיין דזשאָב ווערט ער אינגאַנצן פאַרלוירן. **פאַרוואָס ביזטו אַזוי באַזאָרגט?! דער רבוש"ע האָט זיך נישט געטוישט!** ביז יעצט האָט ער געגעבן די שפע פון איין וועג, און אַצינד וועט ער דאָס געבן אויף אַן אַנדערע וועג.

אַ מענטש וואָס לעבט אַזוי איז טייטש אַז ער איז טאַקע בוטח בה', **אָבער ס'איז נישט "והיה ה' מבטחו"!** ער האָט אַן אַנדערע 'מבטח'! **זיין 'מבטח' איז די ספּעציפישע השתדלות אָדער אַרבעט וואָס ער טוט!** אַזאַ איינער איז טאַקע אינמיטן: **ער איז נישט קיין 'ארור'**, ווייל למעשה האָט ער בטחון אַז דער רבוש"ע שיקט אים די שפע, **אָבער ער איז אויך נישט קיין 'ברוך'**, ווייל ער האָט דאָך נישט דעם 'והיה ה' מבטחו', און במילא האָט ער נישט דעם צינור פון ברכה און שפע.

ווען איז אַ איד זוכה צו ווערן אַ גענצליכער 'ברוך'?! ווען ס'איז אויך 'והיה ה' מבטחו'! **ווען ער איז מתפלל האָט ער נישט אינזין אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן געלט דוקא אויף דעם וועג!** ער בעט אַז דער רבוש"ע זאָל אים שיקן אַ שפע 'כמנהג בעלי בתים חשובים' און ער זאָל חלילה נישט זיין אָנגעוויזן אויף אַנדערע, ער זאָל אפילו אליינס קענען טיילן פאר אנדערע. **וויאַזוי זאָל קומען די שפע?! דאָס איז שוין נישט זיין עסק! ער פאַרלאָזט זיך גענצליך אַז דער רבוש"ע וועט דאָס מחליט זיין!** אַזאַ איינער איז אַ פולקאָמער 'ברוך'!

### 'השתדלות' איז אַ גזירה, אָבער 'שפע' קומט פון השי"ת

דאָס ברענגט אונז צו דער נקודה וואָס מיר דאַרפן אַזויפיל חיזוק דעריינען: אַז **אפילו ווען מען טוט השתדלות זאָל מען וויסן אַז די השתדלות האָט נישט געהאָלפן אפילו כחוט השערה!** מען דאַרף טון השתדלות ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געוואָלט, צוליב אַסאַך טעמים - וואָס ווערט דערמאָנט אין די ראשונים - אָבער די ישועה, די שפע און די הצלחה, קומט בלויז פון אויבערשטן אליינס, **אָן קיין שום שייכות מיט דער השתדלות.**

די הבטחה פון "וברכתיך בכל אשר תעשה" מיינט זיכער נישט אַז די ברכה גייט קומען דורך די 'כלי', און **אודאי מיינט עס נישט אַז מ'דאַרף אַרבעטן מער כדי ס'זאָל קומען מער ברכה.** דער מענטש דאַרף בלויז טון השתדלות אַלס 'גזירת המלך', נאָכדעם ברענגט שוין דער אויבערשטער די פרנסה, ווייל מען האָט געטון וואָס מ'האָט געדאַרפט טון.

### די עבודה פון אַ איד; חזר'ן די אמת'ע מחשבות

דאָס איז נישט קיין לייכטע אַרבעט, צו אויסרייסן די פאַלשע מחשבות וואָס זענען אונז מצמצם צו בעטן פרנסה בלויז אויף אַ געוויסע סאָרט אופן, אָבער **ווען אַ איד איז זוכה צו האָבן אמת'ע בטחון באַקומט ער די הבטחה פון "ברוך הגבר אשר יבטח בה' והי' ה' מבטחו"**, ווייל אויך זיין 'מבטח' איז געווען דער אויבערשטער אליינס! ער האָט זיך בכלל נישט פאַרלאָזט אויף די השתדלות!

אַ איד וואָס אַרבעט אויף זיך, ער חזר'ט זיך אין מח אַז: "פרנסה קומט פון השי"ת, נישט קיין חילוק וואָס איך טו, נישט קיין חילוק וויאַזוי איך טו", און ער איז מצרף אַ תפלה אַז דער רבוש"ע זאָל אים טאַקע שיקן פרנסה, אויף וועלכע אופן דער אויבערשטער וויל, **ברענגט דאָס טאַקע אַ ברכה און עס באַגלייט אים די סייעתא דשמיא!** וויבאַלד ער האָט זיך נישט מצמצם געווען צו איין געוויסע זאַך, קען ער יעצט באַקומען אַ געוואַלדיגע שפע פון ברכה וואָס איז 'פּרה ורבה'!

**אותיות מחכימות** — פירוש המלבי"ם ירמי' י"ז, ז

"ברוך הגבר" אשר" לֹא לבד ש"יבטח בהשם", כי גם "והיה ה' מבטחו", כי הבוטח בה' שיושיעהו ע"י אמצעיים טבעיים הגם שיבטח בה' בכ"ז המבטח שלו היינו הדבר שע"י יושג בטחונו אינו ה' רק האמצעיים הטבעיים שמקוה שעל ידם יושיעהו ה', והגם שאינו ארור אחר שבוטח בה' אינו ברוך ג"כ, רק אם יבטח בה' שיושיעהו בלא שום אמצעי כלל, עד שה' הוא גם המבטח שלו, היינו הדבר שבו יושג בטחונו:

# הזן ומפרנס לכל; די שפע פון השי״ת איז אומבאַגרעניצט

## דער טעות כאילו ס'איז נישטאָ גענוג פּרנסה אָפּציעס

הגה״צ רבי **אליהו דעסלער** זצ״ל שרייבט אין זיין ספר **'מכתב מאליהו'**: די שטייגער פון מענטשן איז צו טראַכטן אַז ס'איז נישטאָ גענוג אָפּענע אָפּציעס פון פּרנסה פאר יעדן איינעם, ווייל וויפיל מענטשן קענען דען פאַרקויפן די זעלבע פּראָדוקט?! מ'דאַרף דאָך נישט האָבן קיין פופציג געשעפטן זאלן פאַרקויפן שיך אָדער קליידער אין דער זעלבער געגנט...

מענטשן רעדן זיך איין אַז ס'איז נישטאָ גענוג מעגליכקייטן אַז יעדער איינער זאָל קענען האָבן פּרנסה, **דערפאַר ווען עס ווערט געמאָלדן איבער אַ ליידיגע פּאָסטן לויפט מען זיך שנעל מעלדן, איידער עס ווערט אויסגעכאַפּט פון אַ צווייטן**, ווייל מען מיינט אַז ס'איז נישטאָ גענוג 'סלאַטס' פאר יעדן.

## מ'דאַרף זיך נישט זאָרגן; דער רבוש״ע טיילט שפע אָן קיין שיעור

אָבער אַז מען איז זיך מתבונן זעט מען אַז דער רבוש״ע האָט באַשאַפן מיליאָנען וועלטן און שטערנס, צמחים און בעלי חיות, און ער איז מפרנס אַלעמען מידו הרחבה והמלאה, אַלע לעבן און אַרבעטן אָן קיין שום גבול, **וויאַזוי קען מען אפילו טראַכטן אַז ס'איז נישטאָ גענוג פּרנסה אויף דער וועלט?!**

מ'קען דאָס זען אַסאַך מאָל ביי אַ מענטש וואָס האָט אַ טאָכטער און ער וויל אַז זי זאָל ווערן אַ לערערין אין שולע, איז מען אַזוי אָנגעצויגן זיך צו אַריינכאַפּן בעפאָר אַנדערע, ווייל: "ס'איז דאָך נישטאָ גענוג, אַזויפיל אַנדערע מיידלעך ווילן אויך באַקומען דעם פּאָסטן"... אָבער באמת דאַרף מען פרעגן פון אַזאַ איד: וואָס באַדייט די ווערטער "ס'איז נישטאָ גענוג"?! **ווער האָט נישט גענוג?!**

דו ווייסט אַז ס'איז דאָ אַזויפיל "איבריגע" שפע אויף דער וועלט! קוק זיך אום אויף די שפע וואָס איז דאָ פאר בעלי חיים, די מאָס גראָז און בלעטער וואָס איז דאָ פאר בהמות! אודאי איז קיין שום זאַך נישט איבריג, אָבער **עס גיסט זיך שפע אָן קיין גבול פאר דער גאַנצער וועלט!** נאר דער מענטש, וואָס איז 'בעל בחירה', וויל דער רבוש״ע מנסה זיין צי ער געדענקט דאָס טאַקע און צי ער פאַרלאָזט זיך באמת אויפ'ן אויבערשטן!

אַז מען כאַפּט די נקודה הייבט מען אָן פאַרשטיין ווי נאַריש ס'איז צו טראַכטן אַז היינטיגע צייטן זענען זאַכן טייער און דערפאַר איז נישט גרינג צו ענדיגן דעם חודש, ווייל פּראָדוקטן ווערן מער קאָסטבאַר און ווערדזשעס גייען נישט אַרויף... **דאָס איז דאָך פּשוט נישט ריכטיג!** ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַ הון תועפות פון איבריגע שפע אָן קיין שום גרעניצן! **דער רבוש״ע איז משפּיע אומאויפהערליך אַלעס וואָס מיר דאַרפן האָבן!** עס איז נאָר תלוי אין דעם מענטש'ס מחשבה, אויב ער קוקט אָן די זאַך ריכטיג, ער פאַלט נישט אַריין אין בטחון בהשתדלות, דעמאָלט וועט ער באַקומען פּרנסה פון הימל מיט אַ געוואַלדיגע ברכה!

## פאַרוואָס "תאוות הממון" שטאַמט פון "יצרא דעבודה זרה"

ס'איז באַקאַנט וואָס די **גמרא** דערציילט (יומא סט ב, סנהדרין סד א): אַז בסוף בית ראשון האָבן די אנשי כנסת הגדולה געשאָכטן דעם יצר הרע פון עבודה זרה. שטייט דערויף אין **ספרים הק'** פון **תלמידי הבעש״ט** אַז די 'תאוות ממון' האָט איבערגענומען די 'תאוות עבודה זרה'. ווייל די תאוה פון 'געלט' האָט נאָך אַלס אַ שייכות מיט דעם יצר הרע פון 'עבודה זרה'. די ברען פון עבודה זרה איז אַריין אין געלט[א].

איינס פון די וועגן וויאַזוי דאָס צו פאַרשטיין איז ממש בפּשטות: **ס'איז נישט דאָס געלט וואָס איז אַזוי געפערליך, די פּראָבלעם ווערט אויב דער מענטש איז מחליט צו זיין בטוח אין דאָס געלט!** דער מענטש שפּירט אַז דאָס איז זיין לעבן, ער איז יונק זיין גאַנצע בטחון דערפון און דאָס מאַכט אים פאַרגעסן פון בטחון בהשי״ת; **איז דאך פּשוט אַז דאָס איז אַ חלק פון דעם 'יצרא דעבודה זרה' ווייל עס איז דער היפוך פון "אנכי ה' אלקיך"!**

## השי״ת קען משפּיע זיין אַלעס גוטס אויך אָן קיין געלט

דער נסיון מאַכט זיך אַסאַך מאָל דייקא ביי מענטשן וואָס האָבן "נישט" קיין געלט. **מענטשן וואָס האָבן געלט, האָבן שוין לאַנג צוריק זיך איבערצייגט אַז "געלט איז נישט אַלעס"**. פּונקט ווי אַלע אַנדערע תאוות, די מענטשן וואָס האָבן עס נישט זענען להוט דערנאָך, ווייל זיי רעדן זיך נאָך איין אַז דאָס גיט עפּעס... די וואָס שפּירן נאָך דעם חסרון פון געלט מיינען אַז דאָרט ליגט דער עונג, אויב זיי וועלן האָבן געלט וועלן זיי האָבן דעם 'גן עדן התחתון'...

דאָס איז דאך אַזאַ טעות, פאַרוואָס מיינסטו אַז דאָרט ליגט די עונג?! דער רבוש״ע קען דיך געבן אַזאַ שפע מיט אַלע דיינע צרכים אויף אַנדערע אופנים, אויך אָן קיין געלט! אַ מענטש קען אַמאָל אַוועקלייגן צוואָנציג יאָר געלט כדי ער זאָל קענען חתונה מאַכן די קינדער אָדער קויפן אַ דירה, און דערווייל שטעלט זיך אַרויס אַז די דירה איז אים אָנגעקומען בדרך לא דרך, אָדער אַז ביי זיינע שידוכים האָבן די אַנדערע זייט געצאָלט דאָס גאַנצע. **פאַרוואָס האָסטו געמיינט אַז דו דאַרפסט זיך פאַרלאָזן אויף דיין געלט?!** זיי זיך בוטח אין דעם אויבערשטן אַז ער וועט דיך געבן אַלע דיינע צרכים, און דעמאָלט וועסטו טאַקע ווערן אַ 'ברוך'!

ס'איז אַזוי וויכטיג צו חזר'ן די מהלך המחשבה איינמאָל און נאָכאַמאָל, ווייל אַז דער יסוד איז נישט איינגעקריצט אין האַרץ, בויעט דער מענטש אַגאַנץ לעבן 'פּיתום ורעמסס'; ער איז זיך בוטח אין געוויסע זאַכן און עס אַרבעט זיך נישט אויס... יאָרן לאַנג טראַכט ער מיט האָפענונג ווען גייט ער שוין דאָס באַקומען... עס מאַכט אים ווייסע האר און ער איז גרייט צו טון אַלעס אין דער וועלט, אבי ער זאָל קענען באַקומען אַזויפיל און אַזויפיל געלט אָדער די ספּעציפישע זאַך, **בשעת וואָס ער איז גורם מיט די אייגענע הענט אַז ער זאָל עס נישט באַקומען**, ווייל ווען מען איז זיך בוטח אין אַ בשר ודם דעמאָלט האָט מען נישט קיין הצלחה, ווי די פסוקים זאָגן!

## די הלכה פון מאַכן 'תורתו קבע ומלאכתו עראי'

אין **שלחן ערוך** (או״ח סימן קנ״ו ס״א) ווערט גע'פּסק'נט להלכה אַז: **"לא יעשה מלאכתו עיקר אלא עראי, ותורתו קבע"**. אפילו אַ איד וואָס אַרבעט זאָל ער נישט מאַכן די אַרבעט פאַר אַן עיקר נאר עס זאל בלייבן ביי אים אַן 'ארעי' און די תורה זאָל זיין ביי אים 'קבע'. אין שו״ע שטייט נישט דערויף פּונקט וויפיל מען זאָל אַרבעטן, ווייל ס'איז נישטאָ ביי דעם קיין פּונקטליכער שיעור, דער עיקר איז די הלכה נוגע פאר דעם 'מהות' פון דעם מענטש: וואו ליגט זיין קאָפּ?! וואָס איז ביי אים אַ 'קבע' און וואָס איז ביי אים אַן 'ארעי'?!

## די שוועריגקייט וואָס מיר האָבן מיט דער הלכה איז צוליב אַ טעות'דיגע מהלך המחשבה

ווען מען לערנט אַזאַ הלכה גייט מען דאָס

---

א. באגרת הקודש להרה״ק רבי **אלעזר מליזענסק** זי״ע, נדפסה בסוף ספה״ק **נועם אלימלך** כתב בתו״ד: "ושמעתי מגדול אחד שאמר זה היצר הרע של עבודה זרה אנשי כנסת הגדולה הרגו אותו, וזהו תמיהה גדולה האיך אפשר להרוג המלאך שהוא גוף נקי זך ורוחני, אלא רק שהעבירו מאומנתו ראשונה, אם כן מה הוא אומנתו עתה, הלא כל מלאך נברא לאיזה שליחות, אלא שנותנין לו אומנות הממון לבלבל בני אדם ברדיפת ממון ועושר, שזהו קרוב לעבודה זרה בעוונותינו הרבים". ובספר החיים (לרבינו חיים ברבי בצלאל מפרידבורג, אחיו של המהר״ל, פ״ה) כתב שיצר הממון הוא בכלל עבודה זרה, וכתב שם שמה שכחלינהו אנשי כנה״ג לעיניה, הוא עצמו זה שהשאירו את יצרא דממונא, כי הכסף מסמא את עיניו וטורדו, ע״ש באריכות.

שנעל אַריבער, ווייל ס'איז נישט געשמאַק... מענטשן שפּירן אַז דאָס איז 'הלכתא למשיחא'... דער מענטש זאָגט: "מען דאַרף דאָך עוסק זיין אין פּרנסה, בפרט היינטיגע צייטן ווען אַלעס איז אַזוי טייער און מ'דאַרף אַריינלייגן אַזויפיל שעה, ס'איז דאָך נישט מציאות'דיג אַזאַ סאָרט מהלך. מסתם איז דאָ אין די 'מראי מקומות' אונטן, וואָס זענען מסביר אַז דאָס מיינט נישט כפשוטו..."

דאָס איז אַלעס וויבאַלד מיר שפּירן און מיר זענען איבערצייגט, במדה מסוימת, אַז "די אַרבעט ברענגט די פּרנסה". נו, אויב אַזוי מוז מען דאָך עוסק זיין בפרנסה יומם ולילה! אָבער אויב דער מענטש קומט צו דער הכרה - און דאָס פּאַסירט בלויז נאָכ'ן דאָס חזר'ן טויזנטער מאָל - אַז: **"איך דאַרף טון וואָס איך האָב צוטון אָבער די שפע באַקום איך פון תורה ומצוות"**, דעמאָלט וואָלט דאָס בכלל נישט געווען אַזוי נישט מציאות'דיג צו לעבן מיט אַ שטייגער פון 'תורתו קבע ומלאכתו עראי'! נישט אַז איך בין מקיים תורה ומצוות כדי צו באַקומען פּרנסה, **נאר איך טו דאָס ווייל דאָס איז די בעסטע זאַך אויף דער וועלט, און אויטאָמאַטיש גיט שוין דער איבערשטער אויך אַלעס!**

### זיך מרגיל זיין צו אַ נייע מציאות; געלט קומט נישט דורך אַרבעטן שווער

ווען אַ מענטש שפּירט אַז ער מוז אַרויסלויפן רעדן אויפ'ן פאָן אינמיטן זיין 'קביעת עתים' ווייל ער האָט אַ וויכטיגע ביזנעס טעלעפאָן קאָל, איז דאָס וויבאַלד ער מיינט אַז דאָס איז דער מציאות; "געלט קומט דורך אַרבעטן שווער". אָבער **אויב ער וועט טוישן זיין מהלך** **המחשבה וועט ער באַקומען אַ נייע מציאות; אַז זיין פּרנסה קומט פון השי"ת דורך תורה ומצוות!**

> דאַן האָבן זיי מצמצם געווען פון די שעות פון אַרבעט און זיי האָבן נישט געזען קיין שום חסרון אין דער פּרנסה!

יעדער מענטש קען דאָס קונה זיין, **דאָס איז נישט בלויז געמאַכט פאַר אַ 'כולל אינגערמאַן' וואָס זיצט אין בית המדרש אַגאַנצן טאָג**, כאילו אַ בעל הבית קען דאָס נישט שפּירן. אדרבה; אַמאָל איז עס פּונקט פאַרקערט! ווייל דער בעל הבית האָט דאָך שוין געזען דאָס מציאות אַז פּרנסה קומט בלויז פון דעם אויבערשטן, קען ער עס גרינגער אַריינעמען אין האַרץ.

### די וויכטיגקייט פון התבוננות אין דעם אמת פון דער תורה

אָבער מ'דאַרף געדענקען אַז אָן קיין התבוננות אַרבעט דאָס נישט, ווייל **די גאַנצע וועלט שרייט** **פאַרקערט!** מיר האָבן כסדר ביזנעס קורסן פון אידן מיט באָרד און פּאות וואָס זענען אַזוי שיין מסביר אַז: "כדי צו מצליח זיין דאַרף מען אַריינלייגן אַכצן שעה אין דער אַרבעט! מען דאַרף אינוועסטירן די גאַנצע מח און האַרץ אין דער ביזנעס! מען דאַרף אייביג און אַלעמאָל זיין 'אוועילעבל'!". אַזוי לערנט מען אויס אידן וויאַזוי צו מאַכן 'מלאכתו קבע', כאילו דאָס ברענגט הצלחה...

אָבער די הייליגע תורה זאָגט אונז דעם 'אמת לאמיתו', דער חובת הלבבות לערנט אונז דאָס, **אַז די אַלע זאַכן ברענגען גאָרנישט!** יאָ, מ'דאַרף עוסק זיין אין השתדלות בצרכי עולם הזה, אָבער מען טאָר נישט גלייבן דערינען! און אויב אַ מענטש וועט זיך אויסאַרבעטן מיט מער אמונה, וועט ער דאַרפן טון ווייניגער, און נאָכדעם נאָך ווייניגער! ס'איז דאָ אַזויפיל אידן יראי ה', וואָס קענען דאָס מעיד זיין אין דעם היינטיגן דור, אַז זיי האָבן געלערנט 'חובת הלבבות - שער הבטחון' און זיי האָבן דאָס גוט אַריינגענומען אין האַרץ, דאַן האָבן זיי מצמצם געווען פון די שעות פון אַרבעט און **זיי האָבן נישט געזען קיין שום חסרון אין דער פּרנסה; פאַרקערט; זיי האָבן געזען נאָך אַ גרעסערע שפע!** מ'דאַרף אפילו נישט האָבן קיין אמונה דערויף, מ'דאַרף בלויז זען וויפיל מענטשן זאָגן דאָס. מען דאַרף זיך בלויז מתבונן זיין וועט מען דאָס זען בחוש! און ווען אַ מענטש טוישט זיך צו אַזאַ מהלך המחשבה באַקומט ער אַן אמת'ע ליכטיגע און געשמאַקע לעבן!

## שנים מקרא ואחד תרגום

**לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור;**

די געוואַלדיגע רווחים וואָס מען פאַרדינט פון לערנען די פרשת השבוע - ח"ב

יום ה' בראשית - כ"ד תשרי ה'תשפ"ב

א

## מכאן ואילך יערב לכם; דאָס מתיקות און נחיצות פון לערנען חומש רש"י

### די עצה פאַר יראת שמים; לערנען חומש רש"י

עס ווערט גע'פּסק'נט אין **שלחן ערוך** (או"ח רפה, ב): "וירא שמים יקרא תרגום וגם פירוש רש"י". האָט דערויף געזאָגט דער בעלזער רב, הרה"ק רבי **ישכר דוב** זי"ע, אַז דער פשט איז נישט אַז אַ 'ירא שמים' לערנט אויך רש"י, נאר **אַז איינער וויל ווערן אַ 'ירא שמים' זאָל ער זיך זעצן לערנען חומש מיט רש"י!**

באמת איז דאָך פשוט אַז אַזוי אַרבעט עס, ווייל **רש"י האָט אַרויסגענומען פון די פסוקים און פון חז"ל אַלעס וואָס איז וויכטיג פאַר אונז צו וויסן** און ער האָט דאָס אָפּגעשריבן אין זיין פירוש אַז מיר זאָלן דאָס קענען לערנען און קונה זיין.

ווען אַ רב, אָדער אַ גוטער מגיד שיעור, לערנט פאַר שבת נאָכמיטאָג אַ שיעור אין 'הלכות בורר', אויב איז ער גוטער פאַרלערנער טראַכט ער: "וועלכע זאַכן אין 'הלכות בורר' איז נוגע אויף למעשה?! כ'האָב דאָך דאָ דעם עולם אויף בלויז איין שעה, לאָמיר רעדן וועגן הלכות וואָס מאַכן זיך יעדן שבת ביי מענטשן אינדערהיים".

**רש"י האָט געטון אָט די אַרבעט פאַר אונז!** ווען ער האָט געשריבן זיין פירוש האָט ער דאָרט אַריינגעלייגט **אַלע וויכטיגע יסודות**, וואָס איז אונז נוגע פאַר'ן טאָג טעגליכן לעבן!

### אַז מ'גייט אַריין אין דעם לימוד ווערט עס זיס און געשמאַק

אָנהויב, ווען אַ מענטש גייט אַריין אין דעם לימוד פון חומש רש"י, אויב ער האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געלערנט אויפ'ן ריכטיגן אופן, ווייסט ער נישט פון מען רעדט דאָ. ער זאָגט:

> **"כ'האָב דאָך דאָ דעם עולם אויף בלויז איין שעה, לאָמיר רעדן וועגן הלכות וואָס מאַכן זיך יעדן שבת ביי מענטשן אינדערהיים".**

"איך האָב נישט באַמערקט אַז די זאַכן זענען מיר נוגע... ס'איז טאַקע זייער אינטערעסאַנט צו לערנען די מעשה פון יצחק מיט די 'בארות' וכדומה, אָבער כ'האָב נישט געזען אַז ס'זאָל מיר זיין נוגע".

זאָגט מען אים: **דאָס איז אַלעס ווייל דו ביזט נאָך יעצט אין אָנהויב!** זאָלסט וויסן אַז עס גייט ווערן זיסער און זיסער! פונקט ווי אַ מענטש וואָס האָט קיינמאָל נישט געלערנט גמרא, האָט ער נישט קיין שום טעם אין לערנען, ער ווייסט נישט וואו עס ענדיגט זיך די קשיא און וואו עס הייבט זיך אָן די תירוץ... אָבער נאָכדעם ווערט אים אַזוי געשמאַק צו לערנען אַ שטיקל גמרא און אַ שטיקל תוספות!

איידער מען איז צוגעוואוינט צום לערנען איז יעדע תוספות אַ שווערע זאַך. אין די "ישיבה קטנה' יאָרן פרעגט מען: "מען דאַרף לערנען דעם תוספות? דער מגי"ש האָט געלערנט דעם תוספות?" -"אָה, די 'ועוד יש לאמר' האָט מען נישט געלערנט..." אָבער שפּעטער, **ווען מען באַקומט אַ טעם אין לערנען, איז דאך אַ תוספות די זיסטע זאַך!** מען פרעגט, מען ענטפערט, ס'איז ממש אַ מחי'!

**די זעלבע זאַך איז מיט לימוד פון חומש רש"י!** בלייב נישט קיין טיפוש אַגאַנץ לעבן! מאַך אַ פעסטע קביעות דאָס צו לערנען יעדע וואָך מיט אַ ישוב הדעת און ס'וועט ווערן אַזוי געשמאַק!

### פאַר'ן משגיח איז עס אַ געוואַלדיגע תירוץ, אָבער וואָס וועט זיין מיט'ן לערנען...

אין די בחורי'שע יאָרן בין איך געווען זומער אין קעמפּ. דאָרט איז געווען עטליכע מאַשינען צו וואַשן די וועש, און ווען ס'איז געקומען בעפאָר די 'ניין טעג', איז געווען זייער פאַרנומען דאָרט, מען האָט קיינמאָל נישט געקענט טרעפן אַ מאַשין אין די זייטיגע צייטן, בין איך געגאַנגען וואַשן וועש אינמיטן דעם 'סדר'. אַזוי גייענדיג אונטערוועגנס האָט מיך דער משגיח 'געכאַפּט' און געפרעגט: "וואו גייסטו יעצט אינמיטן סדר?", האָב איך זיך פאַרענטפערט אַז ס'איז שוין ערב ראש חודש אב, כ'האָב פּרובירט וואַשן אין אַנדערע צייטן אָבער ס'איז אַלעמאָל פאַרנומען, ס'איז ממש נישטאָ קיין ברירה.

האָט דער משגיח מיך געענטפערט אַ תשובה וואָס איז געבליבן איינגעקריצט אין מח, ווייל ער האָט עס געזאָגט מעומק הלב, אַזוי נאַטירליך: **"פאַר'ן משגיח האָסטו טאַקע אַ תירוץ וואָס איז הונדערט פּראָצענט אויסגעהאַלטן, די חשבון שטימט. וואָס וועט אָבער זיין מיט דיר?! סוף כל סוף האָסטו דאָך פאַרפאַסט דעם סדר הלימוד, האסט געהאַט אַ תירוץ אָבער וואָס וועט דאָס העלפן אויף דעם וואָס דו האסט נישט געלערנט?!".**

דאָס איז דאך אַזאַ אמת! **אַ מענטש קען האָבן אַלע גערעכטע 'תירוצים' מיט 'חשבונות' אַגאַנץ לעבן אָבער ביים סוף ווער האָט פאַרלוירן דערפון?!** ווער ליידט דערפון?! בלויז דו אליינס!

### פאַרפאַסט די 'חלוקה' פון עצות פאַר'ן לעבן...

ס'איז דאָ מענטשן וואָס יעדעס יאָר הערט ער דרשות אַז די פּרשה פון 'בראשית' דאַרף מען זייער וויכטיג לערנען, דאָרט ליגט די יסודות פון אמונה אין בריאת שמים וארץ. ער קען שוין אויסנווייניג די אַלע דרשות, אָבער מוצאי שמחת תורה איז געווענליך אינמיטן די וואך און 'אסרו חג' איז דאך אָפּגערעדט אַז דעמאָלט איז פאַרמאַכט די לעקטער און מ'קען נישט דעמאָלט אָנהויבן לערנען... ביז ער כאַפּט זיך, איז שוין אַריבער דער פרייטאָג און דער שבת און ווען ער וועקט זיך אויף גייט שוין 'פּרשת נח'...

אָבער יעצט האָט ער שוין פרישע 'טרדות', אַלע זאַכן וואָס מען האָט אָפּגעשטופּט פון 'אלף סליחות'... ס'איז דאך כמעט נישט געווען קיין טאָג אין חודש תשרי וואָס מ'האָט געקענט דאָס ערלעדיגן. אַלעס איז געפאַלן אויף נאָך יום טוב... **דער מענטש איז זייער גערעכט מצד דעם חשבון, אָבער ס'איז דאך דאָ געווען עצות פאר זיין לעבן! אַז ער איז נישט געקומען נעמען די עצות איז עס דאָך אַזאַ שאָד!** ס'איז פּונקט ווי מען האָט געטיילט אַ 'חלוקה' פון טויזנט דאָלער פאר אַ משפחה, און ער האָט דאָס פאַרפאַסט. וויאַזוי וואָלט דער מענטש געשפּירט דערנאָך?!

דערפאַר האָט חז"ל אַוועקגעשטעלט צו מעביר סדרה זיין "שנים מקרא ואחד תרגום". דאָס איז נישט בלויז על פי סוד, נאר מען האָט עס אַזוי קובע געווען ווייל אַמאָל פלעגט מען רעדן מיט דעם 'תרגום' שפּראַך, און אַזוי וועט דער מענטש פאַרשטיין וואָס ער לערנט! ער וועט באַקומען אַלע וויכטיגע לימודים וואָס איז אים נוגע פאַר'ן לעבן!

ב

## וכל שיח השדה טרם יהי' בארץ; די יסוד פון "הכרת הטוב" וואָס מ'לערנט פון אַ רש"י אין פּרשת בראשית

### די גראָז האָט געוואַרט אַז דער מענטש זאל מכיר זיין בטוב

לאָמיר בלויז דערמאַנען איין ביישפּיל פון אַ רש"י אין 'פּרשת בראשית', וואָס ס'איז נישטאָ קיין איין טאָג אין לעבן וואָס די רש"י איז נישט נוגע.

דאָס איז די ערשטע שטיקל רש"י נאָך די פרשה פון "בריאת שמים וארץ", אויפ'ן פסוק **"וכל שיח השדה טרם יהיה בארץ וכל עשב השדה טרם יצמח כי לא המטיר ה' אלוקים על הארץ ואדם אין לעבוד את האדמה"**, זאָגט רש"י: "טרם יצמח - עדיין לא צמח, ובשלישי שכתוב ותוצא הארץ, על פתח הקרקע עמדו עד יום ששי, כי לא המטיר - ומה טעם לא המטיר? לפי **שאדם אין לעבוד את האדמה ואין מכיר בטובתם של גשמים, וכשבא אדם וידע שהם צורך לעולם התפלל עליהם וירדו, וצמחו האילנות והדשאים.**"

רש"י איז מסביר אַז דאָס וואָס עס שטייט ביים דריטן טאָג 'ותוצא הארץ דשא' איז נישט פשט אַז ס'איז שוין דעמאָלט געוואַקסן גראָז, נאר די גראָז איז געבליבן שטיין ביי דער 'פתח הקרקע' און זיי האָבן געוואַרט אויף רעגן. פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט געשיקט קיין רעגן?! זאָגט אונז רש"י, ווייל "ואדם אין לעבוד את האדמה". ס'איז נאָכנישט געווען דער מענטש וואָס זאָל פאַרשטיין וואָס מיינט דאָס רעגן און ער זאָל מכיר זיין די טובה פון רעגן! דערפאַר האָבן די גראָז געוואַרט ביז פרייטאָג, ווען ס'איז באַשאַפן געוואָרן דער מענטש וואָס ווייסט אַז די וועלט דאַרף האָבן רעגן. ער האָט

מתפלל געווען און דעמאָלט האָט אָנגעהויבן וואַקסן!

### די תכלית הבריאה ווען מ'איז מכיר בטוב און מ'איז מתפלל

די רש"י איז דאך אַ געוואַלדיגע לימוד וואָס מען קען אַסאַך מרחיב זיין דאָס צו אָפּלערנען. רש"י איז אונז מסביר וויאַזוי דער אויבערשטער פירט די גאַנצע וועלט. ער גרייט צו אַ ישועה פאַר'ן מענטש, ער גרייט אַן שפע. אָבער די שפע ווארט ביים טיר, דער מענטש קען עס נאָכנישט באַקומען, ווילאַנג ער וועט פאַרשטיין אַז ס'איז דאָ אַ צורך; ער דאַרף מכיר זיין בטוב און ער דאַרף געדענקן צו בעטן דעם אויבערשטן. **נאָכ'ן מתפלל זיין וועט די שפע טאַקע אָנקומען!**

דאָס אַרבעט אַזוי ביי יעדן איינעם מיט זיינע געברויכן, ווייל דאָס איז דער 'תכלית הבריאה' אַז דער מענטש זאל מכיר זיין את בוראו! דערפאַר באַשאַפט השי"ת אַ חסרון. **דאָס 'מהות' פון דעם חסרון איז בכלל נישט אַז ס'זאָל בלייבן אַ חסרון! די שפע ווארט אויפ'ן מענטש!** עס ווארט אַז דער מענטש זאל שפירן דעם צורך און ער זאָל פאַרשטיין אַז ער דאַרף מכיר זיין בטוב און אַז ער דאַרף האָבן אַ קשר מיט'ן אויבערשטן! נאָכדעם וואס דער מענטש איז מתפלל קומט טאַקע די שפע און ער איז מכיר טובה דערויף, אַזוי ווערט די בריאה נאָנט צום תכלית!

דער **מהר"ל**, אין זיין ספר **גור אריה**, זאָגט אויף די ווערטער פון רש"י: "**כלומר, ואסור לעשות טובה לאיש שאין מכיר בטובה, ולפיכך כל זמן שלא היה האדם לא המטיר**".

### הכרת הטוב; די וועג צו אַ גליקליך לעבן

רש"י רעדט דאָ פון דער גרויסער סוגיא וואָס הייסט 'הכרת הטוב'. לאָמיר בלויז נעמען איין פרט דערפון וואָס איז נוגע זייער אַסאַך מאָל אין לעבן: **דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז די גאַנצע אידישקייט איז געבויעט אויף 'הכרת הטוב'!** ווען אַ מענטש לערנט זיך אויס צו זיין אַ

> **ס'איז דאך פונקט ווי מען האָט געטיילט אַ 'חלוקה' פון טויזנט דאָלער פאַר אַ משפחה, און ער האָט דאָס פאַרפאַסט. וויאַזוי וואָלט דער מענטש געשפירט דערנאָך?!**

מכיר בטובה וועט ער דינען השי"ת און ער וועט זיין אַן ערליכער איד!

איז דאָ דערויף אַ שאלה: פאַרוואָס דאַרף מען מכיר טובה זיין פאַר אַ מענטש וואָס האָט געטון אַ טובה?! מיר ווייסן דאך אַז יעדע זאַך וואָס פּאַסירט איז נישט געקומען דורך אַן אַנדערע מענטש, אַלעס האָט דער אויבערשטער געמאַכט, נו, אויב אַזוי פאַרוואָס דאַרף מען יענעם דאַנקבאַר זיין?!

די געוואונליכע תירוץ וואָס מען ענטפערט איז אַז ווען אַ איד לערנט זיך אויס צו האָבן 'הכרת הטוב' **ווערט ער צוגעוואוינט צו האָבן אַזאַ סאָרט לעבן פון 'הכרת הטוב' און דאָס מאַכט אַז ער זאָל ווערן אַן ערליכער איד**, ווייל ער הייבט אָן לעבן, אויף טריט און שריט, מיט 'הכרת הטוב' פאַר אַלע חסדים וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אים אַלעמאָל.

אָבער אַז מען איז זיך מתבונן אין די רש"י זעט מען אַז ס'ליגט דאָ אַסאַך טיפערס: דער מענטש במהותו איז נישט קיין אַנדערער בריאה וואָס איז חלילה נפרד פון דעם אויבערשטן! **דער מענטש באַקומט דאך יעדע רגע חיות פון דעם רבוש"ע, ער איז נישט קיין דבר נפרד**, נאָר ער איז אַגאַנצן צייט מחובר צו זיין מקור פון חיות.

ווען דו האסט באַקומען אַ טובה פון אַ צווייטן, **האָט דער אויבערשטער זיך יעצט מלבש געווען אין יענעם מענטש!** און דעריבער, ווען דו ביזט מכיר טובה פאַר יענעם, ביזטו מכיר טובה פאַר'ן אויבערשטן וואָס האָט אַצינד באַשאַפן דעם מענטש און ער האָט געמאַכט אַז יענער זאל טראַכטן פון דיר! דאָס איז דיין וועג וויאַזוי יעצט צו זיין מחובר מיט'ן אויבערשטן, דורך 'הכרת הטוב' פאַר יענעם מענטש, **וואָס השי"ת האָט זיך מלבש געווען אין אים דיך צו העלפן!**

ווען אַ מענטש לעבט אַזוי, מיט אַזאַ מהלך המחשבה, קען ער דאָך אַלעמאָל זיין בשמחה. ווייל ער פאַרשטייט אַז נישט בלויז ווען מענטשן געבן אים טובות קומט דאָס פון השי"ת, נאָר אפילו ווען מענטשן מאַכן אים צער, איז דאָס אַלעס פון דעם אויבערשטן - לטובתו! יעצט העלפט אים דער אויבערשטער אויף דעם סאָרט אופן, ווייל **יעדע זאַך וואָס פּאַסירט מיט אים איז דירעקט פון דעם אויבערשטן און אַלעס איז לטובתו**. אַזאַ מענטש הייבט אָן צו מכיר טובה זיין אפילו פאַר מענטשן וואָס שטערן אים, **ווייל ער גלייבט אַז אַלעס איז לטובתו מיד הקב"ה!**

דאָס איז בלויז איין דוגמא פון אַ רש"י וואָס איז נוגע בכל עת ובכל שעה און אַז מען לערנט גוט חומש רש"י וועט מען טרעפן אין יעדע פרשה אַזויפיל רש"י'ס וואָס ס'איז דאָ דאָרט אַזעלכע יסודות נפלאים.

ג

## שתרגילנו בתורתך; מ'דאַרף זיין גרייט צו צאָלן אַ פּרייז פאַר אַ קביעות אין לימוד חומש רש"י

### אַ גוטע קבלה קומט מיט אַ פּרייז

ווען מען רעדט איבער דאָס גרויסקייט פון לערנען חומש רש"י מיט אַ ישוב הדעת, דאַרף מען באַטאָנען אַ וויכטיגע נקודה וואָס איז אַלעמאָל גוט צו געדענקן, ביי יעדע פּראַקטישע מציאות, ווען אַ מענטש וויל זיך טוישן און מקבל זיין אויף זיך אַ פרישע קבלה.

איינס פון די עיקר סיבות פאַרוואָס מענטשן זענען נישט משנה זייערע הרגלים, זיי טוישן זיך נישט די געוואוינהייטן, טראָצדעם וואָס זיי וואָלטן זייער שטאַרק געוואָלט, איז **ווייבאַלד זיי פאַרשטייען נישט בעפאָר - בשעת זיי מאַכן די קבלה - אַז זיי גייען דאַרפן צאָלן אַ פּרייז דערפאַר**.

### מ'דאַרף אויפגעבן באַקוועמליכקייטן אויב מען מיינט עס ערנסט

צום ביישפיל: אַ מענטש וויל גאָר שטאַרק אויפשטיין פאַרטאָגס לערנען. ער מאַכט זיך דעם חשבון אַז ס'איז דאך אַ געוואַלדיגע זאַך, צו לערנען יעדן טאָג עטליכע שעה פאַר'ן דאַווענען מיט אַ רואיגע קאָפּ. אָבער ער דאַרף וויסן אַז כדי דאָס זאָל פּאַסירן דאַרף ער מסכים זיין צו צאָלן אַ פּרייז.

דאָס רעכנט אַריין אַז **ער דאַרף אויפגעבן אויף אַלעס וואָס ער פלעגט טון אין די ביינאַכט שעות, אויף משפחה שמחות וכדו'**; דאָס רעכנט אַריין אַז **ער גייט אַסאַך מאָל זיין מיעד**; דאָס

רעכנט אַריין אַז **ער גייט דאַרפן מוותר זיין אַגאַנצן טאָג נישט צו עסן פאַרשידענע סאָרט עסנוואַרג וואָס שלעפּט אַראָפּ** און מאַכט שלעפעריג, און אַזוי ווייטער פאַרשידענע זאַכן וואָס דו גייסט דאַרפן צאָלן דערפאַר! **ווען דו מאַכסט אַ קבלה, לאָמיר צוערשט דורכגיין די אַלע סאָרט מצבים**, און אויב ביזטו טאַקע מסכים 'עד הסוף' צו באַצאָלן דעם פּרייז, דעמאָלט וועסטו עס אי"ה באַקומען!

## דורכלערנען חומש רש"י איז געוואַלדיג, עס פאַרלאַנגט אָבער אַן 'הקרבה'

די זעלבע זאַך איז ווען עס קומט צו מעביר סדרה זיין געהעריג, מיט יעדע רש"י און די מפרשי התורה. דאָס קען דאָך זיין אַזאַ געשמאַק! ווען דער מענטש וועט קומען צו דער סעודה פון שב"ק וועט ער נישט דאַרפן זוכן אין די 'גליונות' צו טרעפן עפּעס אַ מעשה אָדער אַ וואָרט... נאָר ער וועט האָבן יסודות וואָס ער האָט אליינס געלערנט ווען ער האָט דורכגעלערנט די סדרה. איבריג צו זאָגן אַז מען לערנט נישט חומש רש"י בלויז צו קענען נאָכזאָגן שיינע זאַכן ביי די סעודה, עס העלפט אודאי פאר אַסאַך וויכטיגערע זאַכן, עס גיט פאר אַ איד אַזויפיל אהבה, יראה, בטחון, אמונה, ענוה, יראת שמים, א.א.וו.

אָבער מען דאַרף וויסן בעפאָר, אַז מען גייט צאָלן דערפאַר אַ פּרייז! **אויב ביזטו מסכים צו צאָלן די פּרייז, קענסטו מתפלל זיין און זוכה זיין צו סייעתא דשמיא.** אָבער אויב וועסטו ניטאַמאָל דערהערן אַז דאָ דאַרף מען זיין גרייט צו אויפגעבן עפּעס דערפאַר, דעמאָלט אפילו אויב דו וועסט דאַווענען, האָסטו דאך אָבער נישט געטון דיין חלק פון "ירבה בישיבה"!

## באַשטימען אַ 'סדר קבוע' פאר לימוד פּרשת השבוע

מען וואָס מיינט "צאָלן אַ פּרייז פאר מעביר סדרה זיין ריכטיג"?!

די ערשטע זאַך: דו קענסט נישט אָנהויבן לערנען חומש רש"י פרייטאָג נאָכמיטאָג! פארגעס דערפון! ריכטיג אַז ס'איז דאָ געוויסע וואָכן און געוויסע צייטן וואָס מען קען עס דורכלערנען פרייטאָג, למשל ווען ס'איז אַ קלענערע פּרשה, אָדער אַ לאַנגע פרייטאָג צונאַכטס. אָבער בוי נישט דערויף, ווייל **וואָס גייסטו טון ווען עס גייט זיך נישט אויסאַרבעטן?!** נאָך 2-3 וואָכן וועסטו נאָכלאָזן די גאַנצע קבלה!

אַלזאָ, די ערשטע זאַך דארף אַ מענטש אָפּמאַכן אַ פּונקטליכן פּלאַן: **ווען גיי איך טון דאָס טון?!** מאַך זיך אָפּ אַ באַשטימטע סדר 'חוק ולא יעבור'! נישט אויף אַן אופן פון "יאָ, יאָ, בלי נדר"...

אויב מען פרעגט אַ מענטש: "האסט אַן איבעריגע פערטל שעה אין טאָג וואָס דעמאָלט קענסטו לערנען חומש רש"י פון די פּרשת השבוע?". זאָגט דער מענטש: "ניין, איך האָב נישט די פופצן מינוט, אודאי גיי איך פּרובירן ענדיגן די פּרשת השבוע, אָבער כ'בין זייער פאַרנומען, כ'קען דאָס נישט אַריינלייגן אין מיין סדר היום פאר אַ פערטל שעה טעגליך"... **אָה, דאָס הייסט אַז דו פאַרשטייסט נאָכנישט אַז דו דאַרפסט צאָלן אַ פּרייז אויב דו ווילסט באמת מעביר סדרה זיין!** דו האַלטסט אַז וועסט קענען ענדיגן 'שנים מקרא' בשעת דער בעל קורא ליינט שבת, און וועסט אַריינכאַפּן צו זאָגן דעם 'תרגום' בשעת דער גבאי זאָגט דעם 'מי שברך', און פון 'ששי' און ווייטער וועסטו משלים זיין נאָך מוסף... אויב דאָס איז דיין פּלאַן זאָג עס קלאָר אַרויס! לעב כאָטש נישט אין קיין דמיון אַז דו גייסט געהעריג מעביר סדרה זיין!

דו ווילסט דאך אָבער יאָ וויסן וואָס עס שטייט אין דער תורה! וועסט באַקומען דערפון 'אמונה' און 'בטחון' און דאָס וועט דיך ברענגען אַזאַ השפּעה פון געלט און פון בעסערע זאַכן ווי געלט! **זיי נישט מחליט צו מוותר זיין אויף דורכלערנען חומש רש"י געהעריג!**

## אַוועקרייסן פון די צייט פאר אַ שיעור אין פּרשת השבוע

זאָגט אָבער דער מענטש: "כ'האָב דאך טאַקע נישט קיין צייט". איז דער תירוץ דערויף, אַז טאַקע דערפאַר איז יעצט געקומען די צייט **וואָס דו דאַרפסט נעמען אַ שטיקל פון דיין לעבן און דאָס אַוועקגעבן, כדי צו זוכה זיין דערצו!** נעם איינס פון די קביעות'דיגע געוואוינהייטן וואָס דו טוסט און זיי מוותר דערויף, אפילו ס'גייט זיין ביטער שווער!

> **ווען דו ביזט מכיר טובה פאר יענעם, ביזטו מכיר טובה פאַר'ן איבערשטן וואס האט אַצינד באשאַפן דעם מענטש און ער האט געמאכט אַז יענער זאל טראַכטן פון דיר!**

צום ביישפּיל וואָס זאָל מען מוותר זיין פונעם טאג?! מ'קען געבן אַסאַך געדאַנקן דערויף, יעדער מענטש איז אַנדערש. אָבער **בכלליות קען זיך יעדער אליינס פרעגן: "איך פאַרברענג גאָרנישט אַגאַנצע וואך?! איך ווייס בכלל נישט די נייעס?! איך ווייס נישט ווער ס'איז פּרעזידענט אין אַמעריקע?!"**

"אָה, איך ווייס יאָ די לעצטע נייעס! ווער האָט מיך דאָס פאַרציילט?!"

"ווייל איך קוק אַמאָל די נייעס!"

אויב מען וועט אים פרעגן: "ווען איז די 'אַמאָל'?!" איז דער תירוץ דערויף נישט אַזוי באַ'טעמ'ט... ווייל ליידער אַסאַך מאָל איז דאָס 'בבוקר ובערב' מיט אַלע מפרשים...

היינט איז דאך דאָ וועגן וויאַזוי אַ מענטש קען זיך אליינס בוחן זיין וויפיל צייט ער פאַרברענגט בשעת די אַרבעט מיט אַנדערע זייטיגע זאַכן. **דער מענטש זאָגט אַז ער האָט נישט קיין צייט אין דער אַרבעט, אָבער ער גיט דאך אַוועק אַזויפיל שעות פאר זאַכן וואָס זענען נישט וויכטיג.**

אויסערדעם שטייט אין **ספר חסידים** אַז מען דאַרף אפילו מוותר זיין אַביסל פון אַן אנדערע סדר הלימוד, צו מעביר סדרה זיין ריכטיג. מען קען אַביסל אַראָפּנעמען פון אַנדערע סדרים וואָס זענען נישט אַזוי וויכטיג אויף למעשה, ווייל **מען איז מחיוב צו לערנען חומש רש"י, אַז נישט איז מען נישט קיין ערליכער איד!**

זיי מוותר אויף אַביסל נייעס, זיי מוותר אויף די צייט פון עסן און שלאָפן, געדענק אַז דו דאַרפסט צאָלן אַ פּרייז צו זוכה זיין צו מקיים זיין דעם "לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור"! **ווילאַנג דו וועסט נישט זיין גרייט צו צאָלן אַ פּרייז וועסטו נישט קענען מצליח זיין זיך צו האַלטן מיט די קבלה!**

מאַך זיך אָפּ מיט אַ פעסטע קבלה אַז **"דאָס איז דאָס! איך גיי אויפגעבן אויף זאַכן וואָס זענען ביז יעצט געווען ביי מיר זייער וויכטיג"!** און הייב אן דאַווענען צו השי"ת אַז דו זאָלסט מצליח זיין צו ענדיגן די חומש רש"י יעדע וואָך. מען דאַרף לוחם זיין דערויף, "ואלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו", ווייל יעדן טאָג קומט אונטער דער יצר הרע מיט נייע בלבולים, אָבער **"אם הקב"ה עוזרו יכול לו", אויב מען איז זיך פעסט מקבל און מען דאַוונט דערויף וועט מען זען סייעתא דשמיא!**

דעמאָלט וועסטו טאַקע זוכה זיין דו וועסט זיך טרעפן דעם קומענדיגן "שמחת תורה" ביי די הקפות טאַנצן מיט אַן אמת'ע שמחה, ווייל דו האסט אַ שייכות מיט די הייליגע תורה! האסט דערהערט דאָס יאָר נייע זאַכן פון דער תורה!



להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הביניני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223